**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/23/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר האקול מעלדט 30 מיליאן דאלאר און שרייבט אונטער לעגיסלאציע עס צו מאכן מער עפארדעבל צו באשיצן וואסער קוואליטעט פון צובראכענע סעפטיק סיסטעמען**

***לעגיסלאציע S8241-A/A8807 טוט עס פארגרינגערן און ביליגער מאכן פאר ניו יארקער צו טוישן צו א פארגעשריטענע סעפטיק סיסטעם וואס וועט שטארק פארמינערן וואסער פארפעסטיגונג***

***סטעיט סעפטיק סיסטעם ערזעצונג פראגראם צילט פריאריטעט גיאגראפיק געגנטער ווי לאנג איילענד וועלכע זענען אנגעוויזן אויף איינצעלע-מקור עקוועפערס***

***פינאנצירונג שטיצט ערזעצונג פון אלע סעפטיק און אפפאל סיסטעמען צו פארמיידן וואסער פארפעסטיגונג***

גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) האט איינט אונטערגעשריבן לעגיסלאציע וואס מאכט עס גרינגער און מער עפארדעבל פאר ניו יארקער אריבערצוטוישן צו פארגעשריטענע סעפטיק סיסטעמען וועלכע טוען שטארק פארמינערן וואסער פארפעסטיגונג, באשיצן פובליק געזונטהייט, און פארבעסערן וואסער קוואליטעט. די גאווערנאר האט אויך געמאלדן א 30 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג פאר די פונפטע רונדע פון די געלונגענע סטעיט סעפטיק סיסטעם ערזעצונג פאנד ( State Septic System Replacement Fund) פראגראם צו העלפן היים-אייגנטומער פארבעסערן אדער ערזעצן צובראכענע סעפטיק סיסטעמען, בעיקר די וואס טוען אפעקטירן וואסערן וואס זענען באשטימט אלס פריאריטעט געגנטער.

"צוטרירט צו ריינע וואסער איז יסודות'דיגע געברויך, און עס קומט זיך פאר קאמיוניטיס פון מאנטאוק ביז באפעלאו צו האבן פארזיכערטע און פארלעסליכע וואסער אינפרעסטראקטשער," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "לאנג איילענד'ס וואסער ריסאורסעס זענען לעבנס וויכטיג פאר די מענטשן וואס וואוינער דארט, פאר די לאקאלע עקאנאמיע, און פאר די געוואוקסן און באשעפענישן וואס האבן זייער היים אויף דעם אינזל. איך בין פארפליכטעט צו באשיצן די געזונט פון אלע ניו יארקער, און די ביל איז א צוזאג פאר צוקונפטיגע דורות אז מיר ווילן האלטן אין איין בויען א מער שטאנדהאפטיגע, סוסטעינעבל סטעיט בשעת'ן פארזיכערן ריינע וואסער פאר יעדער."

די 30 מיליאן דאלאר אין גרענטס וואס זענען היינט געמאלדן געווארן ווערן פארטיילט דורך די ניו יארק סטעיט ענווייראנמענטאלע פאסיליטיס קארפערעציע (Environmental Facilities Corporation) אין צוזאמענהאנדג מיט די אפטיילונגען פון געזונטהייט (Department of Health, DOH) און ענווייראנמענטאלע קאנסערווירונג (Department of Environmental Conservation, DEC), און זענען א טייל פון די סטעיט'ס נאציאנאל-פירנדע פארפליכטונג צו מאדערנעזירן פארעלטערטע וואסער און אפפאל סיסטעמען. ניו יארק סטעיט וועט צושטעלן געלטער פאר קאונטיס צו פארגיטיגן בארעכטיגטע

פראפערטי אייגנטומער פאר א טייל פון די קאסטן פון ערזעצן אפפאל און סעפטיק סיסטעמען און אריינשטעלן מער ענווייראנמענטאל-ווירקזאמע סיסטעמען, ווי ענהענסד סעפטיק סיסטעמען.

אונטער די נייע געזעץ, קענען בארעכטיגטע פראפערטי אייגנטומער צוריקבאקומען 50 פראצענט פון די בארעכטיגטע קאסטן ביז צו א סומע פון 10,000 דאלאר צו אריינשטעלן א געוועדנליכע סיסטעם, אדער ביז 75 פראצענט פון בארעכטיגטע קאסטן ביז צו א סומע פון 25,000 דאלאר צו אריינשטעלן אן ענהענסד סעפטיק סיסטעם, צו העלפן מאכן די קאסטן פון די סיסטעמען גלייך צו אדער אפילו ביליגער ווי די געוועדנליכע סיסטעמען. קאונטיס קענען אויך באשטימען פארשידענע שטאפלען אינצענטיוו צוריקצאל ראטעס פאר סעפטיק סיסטעם פראיעקטן צו מאקסימיזירן פראגראם אנטיילנעמונג און פארפעסטונג רעדוקציע צילן.

פארעלטערטע אדער צובראכענע סעפטיק סיסטעמען טוען שטארק צוגעבן צו נוטריענט פארפעסטיגונג אין ניו יארק, טרייבנדיג שעדליכע אלגעל בלומס (harmful algal blooms, HAB) און האבנדיג א נעגאטיווע ווירקונג אויף וואסער קוואליטעט. אינוועסטירן אין ענהענסד סעפטיק סיסטעמען, כאטש וואס זיי זענען אפטמאל טייערער ווי די געוועדנליכע אפפאל-וואסער טריטמענט, איז וויכטיג צו העלפן פארבעסערן וואסער קוואליטעט אין לאנג איילענד. די פארגעשריטענע סיסטעמען זענען ספעציעל געאייגנט צו שטארק פארמינערן נייטראדשען, וואס טוט אויך העלפן באקעמפן די ענווייראנמענטאלע און פובליק געזונטהייט אפעקטן פון פאספארעס און פער- און פאליפלוראלקעל (PFAS) סובסטאנצן, וואס וועט סוף כל סוף פארבעסערן וואסער קוואליטעט און באקעמפן oHAB.

די היינטיגע אונטערשרייבונג אין סאפאוק קאונטי בויעט אויף די גאווערנאר'ס רעקארד אינוועסטירונגען אין ריינע וואסער. די אינוועסטירונגען זענען טייל פון ניו יארק'ס ברייטערער סטראטעגיע אויפצוטוהן די מערסטע וואס מען קען מיט סטעיט און פעדעראלע אינפערסטראקטשער דאלארן, פארזיכערנדיג אז יעדער ראיאן בענעפיטירט פון ריינערער וואסער, מער פארזיכערטע סיסטעמען, און לאנג-טערמיניגע סוסטעינעביליטי. א סך הכל פון צוויי-דריטל - אדער 20 מיליאן דאלאר - פון די פינאנצירונג וואס איז היינט געמאלדן געווארן וועט גראד גיין צו שטיצן פראיעקטן אין סאפאוק קאונטי, העלפנדיג באשיצן די ראיאן'ס איינצעלע-מקור עקוועפער און אנדערע וואסערן.

**ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון ענווייראנמענטאלע קאנסערוואירונג קאמישענער Amanda Lefton (אמענדא לעפטאן) האט געזאגט,** "מען קען זיך נישט דינגען אויף גאווערנאר o'Hochul (האקול) רעקארד פון שטיצע צו באשיצן לאנג איילענד וואסער קוואליטעט, און איר רעקארד בויעט זיך ווייטער מיט די היינטיגע אינוועסטירונגען. ערזעצונג פון פעלערהאפטיגע סעפטיק סיסטעמען טוט פארמיידן פארפעסטיגונג פון אריינדרינגען אין אונזער הייקלע וואסער-וועגן און טוט שאפן א לאנג-אנהאלטנדע פארבעסערונג פאר וואסער קוואליטעט דורכאויס דעם סטעיט. די נייע געזעץ וואס פארמערט די עפארדעביליטי פון ענהענסד סעפטיק ערזעצונגען און די נייע 30 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג וועט שטיצן א שכל'דיגע און ווירקזאמע צוגאנג צו פארמינערן פארפעסטיגונג און באשיצן ניו יארק'ס וואסער קוואליטעט."

**ניו יארק סטעיט ענווייראנמענטאלע פאסיליטיס קארפאראציע פרעזידענט און CEO Maureen A. Coleman (מארין מ. קאולמען) האט געזאגט,** "לאנג איילענד'ס וואסער קוואליטעט איז לעבנס-וויכטיג—נישט נאר פאר'ן ענווייראנמענט, נאר פאר פובליק געזונטהייט, פארבעסערטע קוואליטעט פון לעבן, און בליענדע לאקאלע עקאנאמיעס. דערפאר האט EFC זיך פארפליכטעט צו איבער 1 ביליאן דאלאר אין גרענטס און נידריגע-ריבית פינאנצירונג אין די לעצטע צוויי יאר צו העלפן לאנג איילענד מאדערניזירן איר וואסער אינפערסטראקטשער און באשיצן איר איינצעלע-מקור עקוועפער. מיט די נייע 30 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג, און דורך גאווערנאר o'Hochul (האקול) פירערשאפט, טוען מיר פארגרינגערן פאר היים-אייגנטומער און ביזנעסער לענגאויס דעם סטעיט צו ערזעצן פארעלטערטע

סעפטיק סיסטעמען און פארמינערן שעדליכע פארפעסטיגונג. דאס איז א קלוגע, לאקאלע לעזונג מיט לאנג-טערמיניגע בענעפיטן."

**ניו יארק סטעיט געזונטהייט קאמישענער Dr. James McDonald (דאקטאר דשעימס מעקדאנעלד) האט געזאגט,** "עס קומט זיך פאר אלע ניו יארקער צו זיין רואיג אז די וואסער צו וואס זיי האבן צוטריט איז פארזיכערט און פריי פון פארפעסטיגונג. די היינטיגע 30 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג אין די סטעיט סעפטיק סיסטעם ערזעצונג פאנד פראגראם, צוזאמען מיט לעגיסלאציע אונטערגעשריבן דורך גאווערנאר Hochul (האקול), טוט פארגרינגערן די פינאנציעלע עול פון מאכן די וויכטיגע אינפערסטראקטשער פארבעסערונגען וואס וועלן פארזיכערן אז מער קאמיוניטיס זענען באשיצט פון שעדליכע וואסער פארפעסטיגונג. דאס איז א שכל'דיגע אינוועסטירונג אין די געזונט פון אלע ניו יארקער."

**סטעיט סענאטאר Pete Harckham (פיט הארקעם) האט געזאגט,** "סעפטיק סיסטעם פארבעסערונגען לענגאויס ניו יארק זענען גאר וויכטיג צו באשיצן אונזערע וואסער-וועגן, פובליק געזונטהייט, און די ענווייראנמענט—אבער זיי קענען קאסטן אסאך. די נייע געזעץ, וואס וועט צוריקגעבן געלט אויסגעגעבן צו אריינשטעלן נייע סיסטעמען, ארייגערעכנט ענהענסד טריטמענט יוניטס, וועט ערמעגליכן היים-אייגנטומער צו מאכן די טוישונגען אן זיך דארפן מוטשענען אויפצוקומען מיט די געלט, בשעת'ן באשיצן דערנעבנדע עקוועפערס און אנדערע הייקלע טרינק-וואסער ריסאורסעס. יישר כח, גאווערנאר Hochul (האקול), ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון ענווייראנמענטאלע קאנסערווירונג, און ביל ספאנסער אסעמבלי מיטגלידRececca Kassay (רעבעקע קאסעי), פאר זייערע פירערשאפט אויף דעם איניציאטיוו."

**אסעמבלי מיטגליד Rebecca Kassay (רעבעקע קאסעי) האט געזאגט,** "רוב ניו יארקער ווילן טוהן זייער חלק צו באשיצן אונזער ענווייראנמענט, אבער צומאל טוט א מאנגל און געלט אפהאלטן פאמיליעס פון נעמען פאקטישע שריט אין דעם נושא. פארעלטערטע אדער צובראכענע סעפטיק סיסטעמען זענען א שטארקע מקור פון נוטריענט פארפעסטיגונג אין ניו יארק, ספעציעל אין לאנג איילענד, צוגעבנדיג צו שעדליכע אלגעל בלומס, מאסן טויט פון פיש, און אפשוואכונג פון וואסער קוואליטעט. כאטש וואס פארגעשריטענע סעפטיק טעכנעלאגיעס זענען פיל מער ווירקזאם צו באהאנדלען אפפאל-וואסער, טוען די קאסטן דערפון מאכן אז פיל פאמיליעס זאלן עס זיך נישט קענען ערלויבן—אויסער אויב זיי ווערן ארויסגעהאלפן מיט סטעיט פינאנצירונג. איך בין שטאלץ צו ארבעטן מיט די גאווערנאר און אונזער קאלעגעס צוצושטעלן דעם לעזונג וואס טוט נישט בלויז ווייטער באשיצן אונזער וואסער, נאר טוט אויך אדרעסירן לאנג איילענד'ס עפארדעביליטי פראבלעמען."

**סאפאוק קאונטי עקזעקיוטיוו Ed Romaine (עד ראומעין) האט געזאגט,** "די סעפטיק גרענט וועט שפילן א קריטישע ראלע אין די באמיאונגען פון סאפאוק קאונטי צו באשיצן אונזער וואסער, אונזערע באזעס און עסטיוּעריס. איך בין דאנקבאר פאר ניו יארק סטעיט'ס באמיאונגען אונז צו העלפן דערגרייכן דעם ציל."

**סאפאוק קאונטי לעגיסלאטור מינאריטעט פירער Jason Richberg (דשעיסען ריטשבורג) האט געזאגט,** "די ביל איז א שכל'דיגע אינוועסטירונג אין אונזער קאמיוניטי'ס געזונט און שטאנדהאפטיגקייט וואס וועט שטעלן סאפאוק קאונטי ביים שפיץ פון ענווייראנמענטאלע באשיצונג און עקאנאמישע גלעגלהייט. פארעלטערטע סעפטיק סיסטעמען זענען איינער פון די גרעסטע געפארן פאר לאנג איילענד'ס ענווייראנמענט, און ריינערער, מער עפישענט סיסטעמען באדייט אז ווייניגער פארפעסטיגונג קומט אן צו אנזערע גראונד-וואסער און וואסער-וועגן. יעדער דאלאר וואס ווערט דא אויסגעגעבן טוט צושטעלן ריינערער וואסער פאר אונזערע פאמיליעס, שטערקערער שטיצע פאר לאקאלע ביזנעסער, און עכטע שפארונגען אויף לאנג-טערמיניגע אויפהאלטונג קאסטן. אין מיין דיסטריקט, טוען די הויכע קאסטן

פארבינדן מיט'ן ארויסנעמען אלטע סעפטיק טאנקען אפטמאל אפהאלטן היים-אייגנטומער און קליינע ביזנעסער פון טוישן צו ענהענסד סיסטעמען. הייבן פארגיטיגונג שטאפלען וועט העלפן אראפנעמען די פינאנציעלע אפהאלט און געבן די כח פאר ארבעטנדע פאמיליעס און מעין סטריט ענטראפענאורן צו נעמען קאנטראל פון זייערע אפפאל-וואסער מענעדשמענט. דאס איז נישט בלויז איבער טוישן סעפטיק טאנקען—דאס איז איבער באשיצן אונזער קוואליטעט פון לעבן, זיך זארגן פאר אונזער קליינע ביזנעסער, און נעמען ערנסט אונזער אחריות פאר קומענדיגע דורות."

**סיטיזענס קאמפיין פאר די ענווייראנמענט (Citizens Campaign for the Environment) עקזעקיוטיוו דירעקטאר Adrienne Esposito (עידריען עספאזיטאו) האט געזאגט,** "די קריטישע סעפטיק ביל איז די לעזונג צו אפפאל-וואסער פארפעסטיגונג אין אונזערע בעיס און האפן. פובליק טויש פאסירט דורך עדיוקעישען און אינצענטיוון צו ברענגען טויש. די וויכטיגע לעגיסלאציע וועט געבן אן אינצענטיוו פאר'ן פובליק צו ערזעצן אלטע, אלטמאדישע סעפטיק און אפפאל סיסטעמען מיט נייע סיסטעמען וועלכע טוען באהאנדלען אפפאל וואסער! די פראגראם האט שוין געהאט הצלחה אין נעסאו און סאפאוק קאונטיס, און מיר קענען נאך מער הייבן דעם הצלחה. מיר זענען גאר צופרידן אז גאווערנאר Hochul (האקול) טוט אריינשרייבן די קריטישע ריינע וואסער לעגיסלאציע אין געזעץ, און דאנקען איר פאר איר אנגייענדע פארפליכטונג צו ריינע וואסער. CCE טוט אויך באדאנקען סענאטאר Harckham (הארקעם) און אסעמבלי פרוי Rebecca Kassay (רעבעקע קאסעי) פאר'ן ערלעדיגן די דורכפירונג פונעם ביל דעם יאר."

**די נאטור קאנסערוועניס'ס (The Nature Conservancy) ניו יארק עקזעקיוטיוו דירעקטאר Bill Ulfelder (ביל אולפעלדער) האט געזאגט,** "די נאטור קאנסערוועניסי טוט באגריסן גאווערנאר Hochul (האקול) פאר'ן אונטערשרייבן לעגיסלאציע צו מאכן ריינע וואסער סעפטיק סיסטעמען עפארדעבל פאר היים-איינגטומער, אן פאר'ן צושטעלן קריטישע פינאנצירונג פאר ריינע וואסער פראיעקטן. די סטעיט'ס אויסגעברייטערטע סעפטיק סיסטעם ערזעצונג פאנד וועט גיין נאך ווייטער אין סאפאוק קאונטי א דאנק די לאקאלע פינאנצירונג פאר וואסער אינפערסטראקטשער פראיעקטן, וועלכע זענען פאריגע יאר באשטעטיגט געווארן דורך סאפאוק קאונטי ווילער מיט אן איבערוויגנדע מערהייט. זייענדיג גאר וויכטיג פאר פובליק געזונטהייט, טוען וואסער אינפערסטראקטשער פראיעקטן באשיצן ריינע טרינק-וואסער, פארבעסערן קוואליטעט פון לעבן, און פארמיידן פארפעסטיגונג פון אנקומען צו אונזערע בעיס, האפן, וואסערן און טייכן. די נאטור קאנסערוועניסי טוט באדאנקען די ביל ספאנסערס סענאטאר Harckham (הארקעם) און אסעמבלי מיטגליד Kassay (קאסעי) פאר'ן שטיצן דעם פראגראם'ס אויסברייטערונג, און פאר גאווערנאר Hochul (האקול) און די ענווייראנמענטאלע פאסיליטיס קארפעראציע פאר'ן פארויסריקן דעם וויכטיגע גרענט פראגראם."

**ניו יארק ליגע פון קאנסערווירונג ווילער (New York League of Conservation Voters) פרעזידענט Julie Tighe (דשולי טיי) האט געזאגט,** "יעדער איז בארעכטיגט צו ריינע וואסער. פארעלטערטע סעפטיק סיסטעמען טוען פארפעסטיגן גראונד-וואסער און וואסער-וועגן, ספעציעל אין לאנג איילענד — די אויסברייטערונג פון די סעפטיק סיסטעם ערזעצונג פאנד, צוזאמען מיט די גאווערנאר'ס 30 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג, איז א געוואלדיגע געווינס פאר פובליק געזונטהייט. מיר טוען אפלאדירן גאווערנאר Hochul (האקול) פאר'ן אונטערשרייבן די קריטישע מיטל, ווי אויך פאר סענאטאר Harckham (הארקעם) און אסעמבלי מיטגליד Kassay (קאסעי) פאר זייערע פירערשאפט עס פאראויסצוריקן דורך דעם לעגיסלאטור."

אין 2017, האט ניו יארק סטעיט אנגעפאנגען א ברייטע, פיל-יאריגע ריינע וואסער אינפערסטראקטשער איניצאטיוו צו פארבעסערן וואסער קוואליטעט און ארויסהעלפן היים-אייגנטומער מיט די קאסט פון ערזעצן אלטע סעפטיק סיסטעמען אין געצילטע קאמיוניטיס איבער ניו יארקח. די ריבעיט פראגראם איז געשאפן געווארן צו געבן פאר היים-אייגנטומער און קליינע ביזנעסער דעם אינצענטיוו צו ערזעצן און

איבערטוישן פארעלטערטע סעפטיק סיסטעמען און אוועקנעמען זאמלונגען פון אפפאל-וואסער וועלכע קענען שאטן פאר וואסער קוואליטעט און באדראען פובליק געזונטהייט דורך ארויסלאזן פעטאדשענס אדער נוטריענט פארפעסטיגונג ווי נייטראדשען און פאספערעס.

דאס רעכנט אריין געגנטער מיט עקזיסטירנדע אדער פאטענציאלע פובליק וואסער סופליי אינטעיקס, ווי אויך געגנטער וואס ליידן שוין פון פראבלעמען מיט וואסער קוואליטעט וואס מען קען דירעקט אנהענגען אויף צובראכענע סעפטיק סיסטעמען. צו פארזיכערן אז די געלטער ווערן פארטיילט אויף די מערסט-עפישענט וועג און אז זיי טוען אויף די מערסטע, וועלן DEC און DOH, צוזאמען מיט אנטיילנעמנדע קאונטיס, ארבעטן נאנטערהייט צו אידענטיפיצירן און פריאריטיזירן בארעכטיגטע וואסערן. די קאָ-ארדענירטע צוגאנג וועט פארזיכערן אז די פראגראם טוט אויף די מערסטע וואס עס קען צו באשיצן און פארבעסערן ניו יארק'ס וואסער ריסאורסעס.

מען קען באקומען א ליסטע פון בארעכטיגטע קאונטיס און וואסערן פאר די יעצטיגע רונדע (פערדע רודנע) אויף EFC'ס וועבזייטל [דא](). בארעכטיגטע וואסערן פאר די פונפטע רונדע וועלן ארויפגעשטעלט ווערן איינמאל די קאונטיס זענען איינגעמאלדן געווארן איבער זייער פינאנצירונג סומע. היים-אייגנטומער און ביזנעסער זאלן זיך פארבינדען מיט זייער קאונטי פארשטייער אויסגערעכנט אויף EFC'ס וועבזייטל צו אויסגעפונען אויב זייערע פראפערטיס זענען בארעכטיגט.

לאנג איילענד איז כמעט אינגאנצן אנגעוויזן אויף איין איינציגע וואסער ברונעם, און דאס העלפן וואסער פראָווידערס היטן אויף די טייערע און אייגנארטיגע אונטערערדישע וואסער קוואל איז קריטיש צו זיכער מאכן אז מיליאנען מענטשן אין די נעסאו און סופאלק קאונטיס האבן ריינע וואסער צו טרונקען. די היינטיגע מעלדונג געבט צו צו די לעצטיג געמאלדענע [לאנג איילענד וואטערשעד פראגראם'ס]() באמיאונגען אויסצוברייטערן וואטערשעד באשיצונג אויפ'ן אינזל. די [לאנג איילענד וואטערשעד עקשען אגענדע]() איז א דורכזיכטיגע בלו-פרינט געצילט צו דערגרייכן וואסער קוואליטעט פארבעסערונגען, וואסער העביטעט קאנסערוואירונגען, גראונד-וואסער באשיצונג, און די באטייליגונג פונעם פובליק וואס פעלט זיך אויס צו פארזיכערן די הצלחה פון באשיצן די סורפעס, ברעג, און גראונד-וואסערן פון נעסאו און סאפאוק קאונטיס.

**ניו יארק'ס געטריישאפט צו וואסער קוואליטעט**

ניו יארק סטעיט זעצט פאר צו פארמערן אירע לאנד'ס-פירנדע אינוועסטירונגען אין וואסער אינפראסטרוקטור, אריינרעכענענדיג מער פון 2.2 ביליאן דאלאר אין פינאנציעלע הילף פון די EFC פאר לאקאלע וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן אין די סטעיט'ס פיסקאלע יאר 2024 אליין. די קומעדיגע רונדע פון EFC'ס וואסער אינפראסארוקטור פארבעסערונגען און אינטערמוניציפאליטעט וואסער אינפראסטרוקטור גרענטס איז יעצט אפען אויף [www.efc.ny.gov](). גאווערנאר Hochul (האקול) האט [געמאלדן 325 מיליאן דאלאר]() פאר די רונדע.

מיט 500 מיליאן דאלאר צוגעטיילט פאר ריינע וואסער אינפראסטרוקטור אין די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2026 אנאנסירט דורך גאווערנער Hochul (האקול), וועט ניו יארק האבן אינוועסטירט א סך הכל פון 6 ביליאן דאלאר אין וואסער אינפראסטרוקטור צווישן 2017 און היי יאר. סיי וועלכע קאמיוניטי וואס דארף הילף מיט וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן ווערט געמוטיגט זיך צו [פארבינדן מיט די EFC](). ניו יארקער קענען נאכפאלגן פראיעקטן וואס בענעפיטירן פון די EFC'ס אינוועסטירונגען [נוצנדיג די אינטעראקטיווע פראיעקט אימפאקט דשעבאורד]().

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן